# VILNE - ווילנע

**Paroles : A.L** ***Wolfson Musique : Alexander Olshanetsky***

Vilne, shtot fun gayst un tmimes
Vilne yiddishlekh fartrakht,
Vu es murmlen shtile tfiles,
Shtile soydes fun der nakht.

ווילנע,שטאָט פֿון גײַסט און תּמימות,
ווילנע, ייִדישלעך פֿאַרטראַכט,
ווּ עס מורמלען שטילע תּפֿילות,
שטילע סודות פֿון דער נאַכט.

Oftmol ze ikh dir in kholem,
Heys gelibte vilne mayn,
Un di alte vilner geto
In a nepldikn shayn.

אָפֿטמאָל, זע איך דיך אין חלום,
הייס געליבטע ווילנע מײַן,
און די אַלטע ווילנער געטאָ
אין אַ נעפּעלדיקן שײַן.

Vilne, vilne, undzer heymshtot,
Undzer benkshaft un bager.
Akh, vi oft es ruft dayn nomen
Fun mayn oyg aroys a trer.

ווילנע, ווילנע, אונדזער היימשטאָט,
אונדזער בענקשאַפֿט און באַגער,
אַך, ווי אָפֿט עס רופֿט דײַן נאָמעם,
פֿון מײַן אויג אַרויס אַ טרער.

Vilner geslekh, vilner taykhn,
Vilner velder, barg un tol.
Epes noyet, epes benkt zikh
Nokh di tsaytn fun amol.

ווילנער געסלעך, ווילנער טײַכן,
ווילנער וועלדער, באַרג און טאָל,
עפּעס נויעט, עפּעס בענקט זיך,
נאָך די צײַטן פֿון אַמאָל.